„RADOMER-KIELCER LEBEN“ № 27 (115) „Należytość pocztowa uiszczono ryczałtem“ דריטער יאָהרגאנג פרייז 25 גראָשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 10 זייטען.

אדרעסען:

פון „ראדאָמער קעלצער לעבען“

אין ראדאָם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ
Redakcja i Administracja
„Radomer-Kielcer Leben“
Kielce, Staro-Warszawska 34.

אנאָנסען פרייז!
אין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקס 20 גר.
" 40 " אין " " " "
" 18 " נאכ'ן " "
די ערשטע זייט ענטהאלט 8 שפאלטען
אין טעקסט אין לעצטע זייט 4 "

9 go lipca 1926 | פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאָנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטוואָרטליך | ראדאם פרייטאג כו' תמוז תרפ"ו

## בעקאנטמאכונג.

די אקציע-געזעלשאפט ל. ד. פאטאקס זין" בענדין-מאלאבאנדז, גיט צו וויסען דעם געעהרטען פובליקום, אז זי האָט ארויסגעלאזט אויפ'ן מארק צום געברויך

## כשר'ע קאקאס-פוטער
## וואס ענטהאלט 100% פעטיגקייט
## געפאקט אין פעקלעך צו 1/2 1/1 און 1/5 קילאָגראם
זונטער'ן נאָמען:

# „פאטאקאָ“

די פוטער בעקומט מען אין אלע קאָלאָניאל און שפייז-געשעפטען און ווערט יעדען טאָג צוגעשטעלט פריש. ווער ס'וויל צפהיטען זיין געזונד, דארף בענוצען נאר די דאזיגע פוטער צום פרעגלען, באקען, קאָכען א. ד. ג., ווייל „פאטאקאָ“ ווערט ביי אונז ארויסגעארבייט אויסשליסליך פון די בעסטע טראפיקאלישע קאקאס ניסן און שטייגט איבער אלע אנדערע פון דעם מין פוטערן

די כשרות איז אונטער דער אויפזיכט פון בענדינער ראבינאט.

פערלאנגט איבעראל נור קאקאס פוטער „פאטאקאָ“.

Z okazji zaręczyn
siostry i bratowej
p. **BELI FRAJDASÓWNEJ**
z p. **Dawidem Kajlerem,**
życzymy by droga ich życia
promieniała miłością
i szczęściem.
**Rózia i Moniek WAJCMAN**

Z intencji zaręczyn p. **BELI FRAJDASÓWNY** z panem **DAWIDEM KAJLEREM**
życzę im bezmiaru szczęścia
i wiecznej miłości
**Samuel Katz.**

Z intencji zręczyn p. **Beli Frajdasówny** z p. **Dawidem Kajlerem** życzymy aby gwiazda szczęścia sprzyjała im wiecznie.
**Życzliwe koleżanki:**
**Rotbard i Berlińska.**

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאָכטער און שוועסטער
## בעלא פריידאס
מיט ה' דוד קיילער
ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב עוויג גליק און צופרידענהייט. זייער לעבענ'ס-וועג זאל מיט בלומען בעצירט זיין.
עלטערען, שוועסטער'ן און ברודער'ן
**פ ר י י ד א ס.**

## אַ כ ט ו נ ג!
עובראכצנע ר א ו ו ע ר ע ן פערעכט איך און קלעב זיי אויס מיט אייזען אויף איין גאנז פייער. איך פעררעכט אויך אלערליי טעפ עמאלירטע, אלומיניאָמ אונד א. וו. איך שווייסע אויך טיילען פון סאמאכאָדען, רעהרען, בלאכען אונד ד. גל.
אלע ארבייטען ווערען אויסגעפיהרט מיט איין פיהליעהריגע גאראנטיע און פאר זעהר נידריגע פרייזען.
מיט אכטונג: וולאשינסקי.
אדרעס: ראדאם, סטארא-קראקאָווסקא 11.

## אלגעמיינער ארבייטער קאָאָפעראטיוו אין ווארשע פיליע № 36
## אין ראדאם וואלאָווא 23.

מיר מאכען בעקאנט די ראדאמער ארבייטער מאסען, ווי אויך די גאנצע בעפעלקערונג, דאס מיר האבען געעפענט א „קאָאָפעראטיוו“ וואו עס קענען קויפען אויך נישט מיטגלידער אלע נויטיגסטע לעבענס פראדוקטען פון ערשטען געברויך אויף די ביליגסטע פרייזען. גוטע און רעעלע בעהאנדלונג! קומט און איבערציינגט אייך!

די ארגאניזיר-קאמיסיע.

פ. ס. אלע ארבייטער און פריינד פון דער קאָאָפעראטיווער בעוועגונג דארפען ווערען מיטגלידער פון זייער קאָאָפעראטיוו.

# OGŁOSZENIE.

**ELEKTROWNIA RADOMSKA w lipcu i sierpniu** r. b. będzie przeprowadzać doroczną naprawę sieci elektrycznej. Wobec tego w powyższych miesiącach **w niedzielę i święta dopływ prądu** do miasta **będzie przerywany** od godziny 4 rano do 4 po południu.

Zarząd Elektrowni.

## ב ע ק א נ ט מ א כ ו נ ג.

די סאדע-וואסער פאבריק „ראדאמיאנקא“ דלוגא 15 (פריהער פראנציישעק יאבסט) איז איבערגעגאנגען אלס אייגענטהום צו

## שלמה גאטליעב

די פאבריק ארבייט הייגט אויס צון דעס. טאלירט וואסער — ל ע מ א נ י א ד א.

**Dr. med.**
## I. KLEINBERGER
b. lekarz **Klinik Wiedeńskich. Specjalista chorób uszu, nosa, gardła i krtani.**
ord. od 10–2 i od 2 1/2–5
*Radom, Piłsudskiego 3.*

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל אונזער מחותנת'טע ד י נ ה וגם להתני יוסף ניימאן ווי אויך דער גאנצער פאמיליע צו דער אבידה פון זייער פערשטאָרבענעם מאן און פאטער איש הישר והנכבד.

## ר' יחזקאל ניימאן נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

יצחק מאיר טעמיאטיטש עט פאמיליע.

צליב'ן טויט פון אונזער פריינד

## ר' יחזקאל ניימאן נ. ע.

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דער גאנצער פ א מ י ל י ע. ואלצן זיי מעהר נישט וויסען פון קיין צער און געטרייסט זיין בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

נחום גינזבורג און פרוי.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאמיליע ניימאן צוליב דעם פערלוסט פון זייער פיל געשעצטער און קיינמאהל נישט פערגעסענע מאן און פאטער

## יחזקאל ז"ל

אברהם לעווין עט פרוי אונד קינדער.

# קעלצער אבטיילונג.

## די בעדייטונג פונם רעטונגס־קאמיטעט פאר קעלץ

נאך לאנגען ישוב הדעת, נאך פערשידענע וואקלענישען איז מען געקומען צום באשלוס, צו שאפען א רעטונגס אין הילפס־קאמיטעט אין קעלץ. אמת, עס האבען זיך עטוואס עהנליכעס אויפ'ן קעלצער באדען יא געגרינדעט, אבער צו־בעגרעניצט איז געוועזען די טעטיגקייט און צו־ווייניג איז געוועזען די צאהל פון די אנפיהרער מיט דער אקציע, אז עס זאל ברענגען עפיס ממשות'דיגעס פאר אזא שטאדט ווי קעלץ. מיר האבען געהערט וועגען א גמילת חסדים־קאסע, וועלכע עס האבען א פאר אנגעזעהענע היגע בעלי־בתים געגרינדעט און זאנאר געשאפען א גאנץ שעהנע סומע, אבער צוליב דעם, וואס אזא אונטערנעהמונג האבען נישט רעפרעזענטירט אלע שיכטען פון דער היגער יודישע בעפעלקערונג, האט עס נישט געקענט ענטוויקלען אזא טעטיגקייט, ווי קעלץ באדארפט ביים היינטיגען טאג. אויסער דעם אויף אייגענע מיטלען אהן שום אייסערע הילף, וואלט מען אזא אקציע געמוזט זעהר צו בעגרעניצען, וואס וואלט פאטאל זיך אבגערופען אויף די, וועלכע ווארטען שוין מיט אונגעדולד אויף אזא מין הילפס־אינסטיטוציע.

אלע ווייסען, אז עס איז שלעכט, און אלע זעהען, אז דער מיטעלשטאנד געהט אונטער, אז די צאהל פרנסה־לאזע פערגרעסערט זיך פון טאג צו טאג און די נויט איז שרעקליך גרויס, דער דלות האט זיך ברייט צוזעצט אין דער יודישער גאס און הינדערטער בכבוד'יגע סוחרים, וועלכע האבען פריהער נישט לאנג געפיהרט א אנשטענדיג לעבען, ליידען פשוט הונגער.

אונזער רב מנין ורב בנין האט ניט געקענט בעקעמפען דעם גרויזאמען עקאנאמישען קריזיס. א סך מאכען די לעצטע אנשטרענגונגען און האפען זיך נאך אבצוראטעווען פון דעם אנגעהויערען תהום, אויפ'ן ברעג פון וועלכען זיי שטעהען, אבער דאס קען נאר זיין דאן, ווען מיר וועלען בעצייטענס קומען צו זיי מיט הילף אין א גענוגענדע מאס. מיט א ראציאנעלע און קאנסטרוקטיווע הילף קען מען נאך הונדערטער צוריקשטעלען אויף די פיס און געבען זיי די מעגליכקייט פון א ערנסט.

וועלכער עס איז פרנסה, און צו דעם צוועק זענען שוין אין פיעל שטעדט און שטעדטלעך געשאפען געווארען אזעלכע רעטונגס־קאמיטעטען, וועלכע האבען זיך געשטעלט אלס אויפגאבע צו ראטעווען דעם שארית הפליטה, דאס וואס עס לאזט זיך נאך, און אין דער ריכטונג ווילען זיי דורכפיהרען די קאנסטרוקטיווע הילף מיט שאפען אהן פראצענטיגע הלוואות, העלפען איינארדנען ווארשטאטען, און אין נויטיגסטען פאל אויך לייסטען מאמענטאלע הילף.

דער ניי געשאפענער רעטונג'ס־קאמיטעט אין קעלץ, זייענדיג פערזיכערט מיט מיטהילף פון אמעריקא האט ברעפה צו ענטוויקלען א טעטיגקייט אין גרויסען מאסשטאב. דאס ווענדט זיך אויך אין דער אפפערווילליגקייט פון דער קעלצער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע דארף זיין גרייט אויף ווייטגעהענדע קרבנות. די איניציאטיווע און די אנפיהרונג מיט דער אקציע האט איבערגענומען דער פארזיצענדער פון דער יודישער קהלה און דאס גיט אונז די פערזיכערונג, אז די הילפ'ס ארבייט וועט געפיהרט ווערען ענערגיש און ערנסט.

אין דעם קאמיטעט זענען פערטרעטען אלע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע זענען גענוג בעקאנט מיט דער פערצווייפעלטער לאגע פון א סך בכבוד'יגע סוחרים און אנשטענדיגע בעלי־מלאכות און ווייסען גענוי, ווי ווייט עס דערגרייכט דער דלות אין בכמות און אין איכות

צום בעדויערען איז קעלץ נישט פיל אפגעשטאנען פון אנדערע שטעדט און שטעדטלעך און אויך ביי אונז איז די צאהל פון הונגער־ליידענדע, פון יורדים און רואינירטע, וועלכע זענען געבליבען אהן שטיצע גענוג גרויס און אויב דאס יודישע קעלץ וועט נישט וועלען בלייבען פאסיוו און גלייכגילטיג, איז צו פערהאפען אין אזא אינטענסיווער און פרוכטבארער ארבייט מצד דעם רעטונג'ס־קאמיטעט, וועלכער וועט שטרעבען מיט אלע כחות צו פערקלענערען די נויט און שאפען די מעגליכקייט פאר א סך הינדערטער אומגליקליכע יודישע פאמיליעס אויסניי צו זיין אימשטאנד צו פיהרען א בכבוד'יגען און רוהיגען לעבען.

**א. סערוועטניק.**

---

ד"ר י. פלעשלער.

## רעפלעקסען.

### (צו דער אויסשטעלונג אין דער מעדכען־שולע פון פרוי ש. רייזמאן אין קעלץ.)

די זון שטראהלט. היי־יאהר געהער דאס צו די זעלטענהייטען. מ'האט מיך איינגעלאדענט צו בעזוכען די אויסשטעלונג אין א אידישע פאלק'ס־שולע. איך געה מיט פערגעניגען.

באלד ביים אריינקומען שטעלט מיר א שילערין העפליך די פראגע.

— אייער ווערטער נאמען?

אין א צווייטע שילערין, מיט א שטעקעלע אין האנד הויבט אן צו ערטיילען אויפקלערונגען איבער איהר אבטיילונג. צוגעשמיידט צום ארט הער איך זיך צו צו די אינטערעסאנטע ערקלערונגען פון די מיידלעך, וועלכע זענען פול מיט בעגייסטערונג, און בעראכט מיר גענוי אלעס, וואס זיי ווייזען מיר: שטיקערייען, קישעלעך, קליידלעך, ראבוטקעס א אז. וו. אייניגע זאכען זענען פאקטיש מייסטערהאפט אויסגעפארטיגט געווארען דורך די קליינע הענטעלעך. מיין ציצעראן, א מיידעלע פון א יאהר 11 — 10 ערקלערט מיט אנ'ערנסטע מינע.

— „ס'איז אויסגעפארטיגט געווארען דורך א „קאלעזשאנקע" לויט איהר אייגענעם מוסטער".

ס'ווילט זיך נישט גלויבען! די מוסטערען זענען זויבער, די ליניען גלאט. כ'שטיי פאר א צייכנונג פון א צימער. אויך דא גיט מיר דאס קליינווארג גענויע ערקלערונגען.

— „דא איז א פערספעקטיווע; א פערספעקטיווע איז דא"... אין דא ווייטער האט איהר בילדער געמאהלט אן א סקיצע — בערידמט זיך א שילערין, כ'האב פערגעסען פון וועלכער קלאס זי איז. ווי אויף להכעיס האבען זיך מיר די קלאסען און די אדזיאלען אויסגעמישט אין מח.

לאנגזאם הויב איך אן צו קומען צו זיך. איך קוק זיך ארום. בעגריס די ליבענסווירדיגע ווירטען, וועלכע רוקט זיך באלד אן אין א זייט, בכדי מיר נישט צו שטערען. איך קום צום בעשלוס, אז כ'געפין זיך אין א „מוזעאום" אבער קיינעספאל אין עפעס א ספעציעלען „מוזעאום" ווי אין בערלין אדער אין אנדערע גרעסערע שטעדט, דא־ט וואו ס'איז רוהיג און שטיל, צירליך, מאנירליך. דא איז פארקערט. דא איז אלעס לעבהאפט, גערוישפול. דאס קליינווארג פראדוצירט די נומערען מיט א לעבהאפטען ערנסט. זיי ערקלערען פינקטליך און גענוי, וואס יעדע זאך בעדייטעט. פיהרען מיך אריין אין היסטאריע, ליטעראטור. איינע פון זיי וויל מיר דורכאויס עפעס שעהנעס דערציילען וועגען זולא. דציאווסקי, נאר ליידער, די לערערין וועלכע האט זיך גראד געפונען אין דער נאנט איבעררייסט דעם מיידעלע איהר אויסשפראכע און שטערט איהר אויסצולאדענען דעם גאנצען אוצר פון וויסענשאפט, וועלכע זי האט ערווארבען אין משך פון שול־יאהר.

אבער לאנגזאם, מיט סדר... מיט איינמאהל געפין איך זיך אונטער דעם שוץ פון אנ'אנדערע רעדנערין. זי דעמאנסטרירט מיר א הערליך מאדעל פון די התחלה צייטען פון דער שרייבקונסט.

— „א גייסטליכער איבערשרייבט א בוך מיט א גענזענפעדער". און דאס מיידעלע פערציילט מיר פיעל וועגען דעם גייסט פון יענע צייטען, ווען די שרייב־קונסט האט זיך נאך געפונען אין די קינדער־שיכלעך...

וועגען ווייטערדיגע איינדרוקען אויף דער אויסשטעלונג — א צווייט מאהל.

